# ממנו מתחיל ובה היה מסיים

# דער שילוב פון סיום והתחלת הש"ס...

**מאמר השקפה**

פרשת בהעלתך

שנת תשפ"ה לפ"ק

בהעלתך את הנרות **להגיד שבחו של אהרן שלא שינה**...

אז מ'הייבט נאר אן צו רעדן פון פרשת בהעלתך מיט די מנורה, קומט גלייך ארויף אויפ'ן געדאנק דער באקאנטער חסידי'שער טייטש: וואס איז דער **'שבחו של אהרן'** אז ער האט נישט משנה געווען? אז מחמת גרויס התלהבות אין עבודת ה' האט ער נישט איבערגעדרייט די מנורה... ווי עס איז ידוע אויפ'ן הייליגן **קדושת לוי** אז מרוב פייער און קאך פאר מצות ד' מינים האט ער א כאפ געטון דעם אתרוג און נישט באמערקט אז עס האט זיך צובראכן א גלאז און די האנט איז אים צובלוטיגט געווארן.

## דער שבח פון 'שלא שינה'

דער דערהער איז קלאר אז דער אמת'ער שבח פאר אן ערליכער איד איז **"שלא שינה"**, אין יעדע זאך וואס א איד טוט האבן מיר א דרך שסללו הראשונים, מיר האבן א מהלך אין יעדן כלל ופרט, און מען דארף זיך אלעמאל און כסדר האלטן דערצו.

**'להגיד שבחו שלא שינה'** דערמאנט אויך דעם הספד פון **מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה** אויפ'ן לעיקוואדער ראש ישיבה הגאון רבי **אהרן קאטלער** ז"ל - כאטש וואס דער רבי האט מיט אים געהאט גאר טיפע חילוקי דיעות אין יסודות'דיגע ענינים - האט ער ביי זיין לוי' זיך אויסגעוויינט 'להגיד שבחו של אהרן שלא שינה', אז ער האט געקענט אין די טריפה'נע אמעריקע אויפשטעלן א ישיבה על טהרת הקודש, און נישט ארייגלאזן קיין שום לימודי חול.

דאס איז דער כח הקדושה, דער כח התורה, מען קען גיין קעגן דעם שטראם, עס איז דא א מציאות נישט צו מאכן שלום מיט'ן מצב, נאר מ'טוט וואס מ'דארף, מ'טוט וואס איז אויסגעהאלטן, און דער רבש"ע שיקט זיין סיעתא דשמיא אז מ'זאל קענען אנגיין און עקזיסטירן ווייטער עד ביאת הגואל.

## דער פנימיות'דיגער באדייט פון א' שלח

אין די נאנטע טעג איז א' שלח.

עס איז שוין 47 יאר אריבער געלאפן זינט א' שלח תשל"ח...

עס איז כדאי צוריק מישן א בלעטל היסטאריע צום ערשטן באדייט פון דעם גרויסן טאג.

מיט 47 יאר צוריק האט **מרן רבינו הק' מסאטמאר** זי"ע אנגעצינדן א הייליג פייערל אין אידישע הערצער, א פייערל וואס האט זיך מיט די יארן צופלאמט און פארברייטערט, און כל רוחות שבעולם קענען איר נישט פארלעשן.

ווער עס האט זוכה געווען צו זיין אנוועזנד ביי יענעם מעמד הנשגב, ווען דער רבי זי"ע האט בשארית כוחותיו זיך אנגעשטרענגט און געקומען צו פארן צום התייסדות פון מוסד הק' **"קרן הצלה"**, ווען ער האט צום לעצטן מאל בחייו משמיע געווען זיין הייליגע צוואה לדורות, בעטנדיג זיך צו רבבות אלפי ישראל אז מען זאל אכטונג געבן אויפ'ן חינוך הטהור אין ארה"ק, דאס לעצטע רעשטל פונעם יהדות החרדית, אונזער לעצטע האפענונג, די הייליגע מוסדות בפלטרין של מלך זאלן נישט אונטערפאלן די ידי זדים, דער קען דאס קיינמאל נישט פארגעסן.

**דער טאג א' שלח האט אראפגעשטעלט א יסוד גדול. דעם זעלבן יסוד פון "שלא שינה".**

**עס זענען דא נסיונות אויף דער וועלט, עס זענען דא שווערע נסיונות אויף די גאס, עס זעט אמאל אויס ווי מיר זענען 'פארטיג', מיר האבן נישט קיין כח זיך צו קענען שלאגן קעגן די כוחות הרשע.**

דער טאג א' שלח האט אראפגעשטעלט א יסוד גדול. דעם זעלבן יסוד פון **"שלא שינה"**.

עס זענען דא נסיונות אויף דער וועלט, עס זענען דא שווערע נסיונות אויף די גאס, עס זעט אמאל אויס ווי מיר זענען 'פארטיג', מיר האבן נישט קיין כח זיך צו קענען שלאגן קעגן די כוחות הרשע.

אין יענע יארן ווען די רעכטע בעגין רעגירונג האט אנגעהויבן טיילן ריזיגע געלטער, און מוסד נאך מוסד האט זיך אריינגערוקט אונטער די ציוני'סטישע משרד החינוך, מיט אלע פרומע הבטחות און איינרעדענישן, האט אויסגעזען ווי עס איז כלו כל הקיצין, און אז מיט'ן כח פון געלט האט זיך די סט"א משתלט געווען אויף כל הקודש.

**מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה**, אינאיינעם מיט די גדולי ישראל חברי הביד"צ בארה"ק זלה"ה, האבן דאן געגעבן א הייליגע און הילכיגע תשובה, אויף מיד און אויף לדורות.

יא, מיר קענען יא בייקומען אלע כוחות הרשע. מיר זענען שטארקער פון יעדן, מיט האבן מער כוחות פון יעדן איינעם. דער רבי האט מייסד געווען דעם הייליגן **'קרן הצלה'** – ועד היום הזה, נאנט צו 50 יאר שפעטער ווערט יערליך פארטיילט שווערע מיליאנען פאר אלע מוסדות וואס פירן זיך על טהרת הקודש.

[און מ'מעג צולייגן, בדרך צחוק מכאיב, אז די לעצטע יאר-צוויי ווען אויך די מוסדות וועלכע זענען יא געפאלן כורעים לבעל און זיך אונטערגעווארפן די ציוני'סטישע רשעים, האבן זיך מיטאמאל דערזען אז מ'שניידט פון זיי שטיקער אין אלע זייטן, און זיי האבן זיך גענומען ארויסיאגן קיין חו"ל צו שאפן גרויסע געלטער פון נדיבים בעם, סיי די כלליות'דיגע 'מסעות' און סיי מערערע קהלות באזונדער, האבן זיי אלע - אין פארשידנארטיגע פארמען - זיך א נאמען געגעבן עפעס ענליך צו "**קרן הצלה**", יעדער אויף זיין שטייגער.

עס צייגט אויפ'ן "קושטא קאי", וויאזוי יענע פארכאפטע מוסדות קוקן אבער כסדר ארויס 'זייטיג' און זעען די געוואלדיגע הצלחה און סיעתא דשמיא וואס באגלייט די מוסדות על טהרת הקודש וועלכע זענען נישט געפאלן פאר'ן שולחן איזבל, און ווערן אזוי פעסט אונטערגעשטיצט דורכ'ן מוסד הק' "**קרן הצלה**" און דורך די נדיבים בעם אין חו"ל. אבער ס'פאדערט א באזונדערע אריכות.]

**"עס לאזט זיך דען בכלל ערקלערן מיט ווערטער דער געפיל אז הערשט פאראגאנגענעם ז' ניסן העעל"ט האבן צוויי טויזנט אידן מסיים געווען מס' עירובין אין מסגרת פון 'תורתך שעשועי', און איצט האבן נאך דריי טויזנט אידן פון די זעלבע קהלה מסיים געווען מס' ברכות אין מסגרת פון 'יסודי התורה'?!... עס לאזט זיך בכלל אפשאצן דעם טיפן ערך פון אזא קהילה קדושה?!..."**

א' שלח איז דער טאג וואס האט אראפגעשטעלט א מציאות אז מיר קענען יא, '**להגיד שבחו שלא שינה**', מיר בייגן זיך נישט פאר קיין אויסזעענדיגע 'מציאות', מיר ווערן נישט דערשראקן, מיר זענען שטארקער פון אלע כוחות הרשע, מיר דארפן נאר האבן דעם אמת'ן רצון, און דער רבש"ע הוא יגמור בעדינו לטובה.

### זכרונות פון 11 יאר צוריק...

א' שלח תשפ"ה... זאגט ווידער דעם זעלבן מציאות.

אין די טעג זענען אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר איינגעהילט אין א יום טוב'דיגע שטימונג, א קליינינגקייט?! עטליכע טויזנט אידן זענען מסיים גאנץ ש"ס!

עס זענען ווערטער וואס זאגט זיך לייכט, אבער ווערן נישט גענוג באנומען.

אז מיר שטייען פרשת בהעלתך, פרשת המנורה זאגט דאך די גמרא אין במה מדליקין אז דער '**נר המערבי היה במנורה**', **ממנו היה מתחיל ובה היה מסיים**', דאס איז געווען א פלעמעלע וואס האט אלס געברענט.... עס האט געווארימט, דאס איז געווען ביי די התחלה, און דאס איז געווען דער סיום, די זעלבע לעכטעלע...

יעדער סאטמארער חסיד איז א מחותן ביי די שמחה, איינער איז א '**מסיים**', א צווייטער איז א '**מתחיל**', ער הייבט נארוואס אן מיט'ן '**מחזור שני**', און דער איבריגער עולם טאנצט מיט'ן טאטנ'ס שמחה, מיט'ן זון וואס האט מסיים געווען, אדער גאר א ברודער צי א שוואגער.

ווי עס זאגט אונז א איד וואס דרייווט ארום אויף די קרית יואל'ער גאסן: אין די לעצטע וואכן, ווען מ'זעט בייגאכט פארקירט א צאל קארס נעבן א הויז, פרעגט מען באלד "ווער מאכט דא א סיום?".

מיר האבן זיך דערמאנט אין עטליכע פאראגראפן וואס מיר האבן געשריבן מיט עלף יאר צוריק – נאך שבועות תשע"ד – ווען דער מסגרת "**תורתך שעשועי**" האט נאך געהאלטן אין אירע גאר ערשטע שטאפלען, און עס שפירט זיך אז די ווערטער האבן א פילפאכיגן משמעות מיט די מערערע יארן וואס זענען אינצווישן אריבערגעלאפן, ובפרט כהיום הזה ווען מיר שטייען ביים געהויבענעם סיום. מיר ציטירן עס, ווי פאלגנד:

"עס איז א מציאות וואס לאזט זיך נישט באשרייבן, א הצלה לדורות, א מתנה וואס דער רבונו של עולם האט געגעבן פאר כלל ישראל דוקא אין אונזער געפלאגטער דור, הערה רוח טהרה ממרום, אין דעם ביטערן חשכות, אינעם פלאג פון די שווערע נסיונות, און ער האט אריינגעגעבן דעם "תורה תבלין" אריין אין די הערצער פון טויזנטער אידן וואס האבן זיך אנגעשלאסן אין די הייליגע חבורות וואס זענען נתייסד געווארן אין ק"ק סאטמאר - און ווערן ב"ה ווייטער נתייסד - אין מערערע קהילות קדושות בישראל.

"דאס ווערט נאכאנאנד נתרבה, און יעדע חבורה שלעפט מיט זיך נאך לומדים, עס מאכט פון בעלי בתים בני תורה, און עס מאכט פון א.ג. "בעל הבית'ישע שטיבער' - שטיבער פון "בני תורה".

"עס איז דער מציאות אז לימוד התורה בקביעות, איז משנה דעם מהות פונעם מענטש, און עס איז משנה דעם מהות פון די שטוב, עס בויט אויף א חומה בצורה קעגן די נסיונות פונדרויסן, און עס פאטשט אריין אין פנים פונעם יצר הרע וועלכער האט שוין כמעט געהאט אויפגעהויבן א פאן פון נצחון זעענדיג אונזער אומבאהאלפנקייט קעגן די ביטערע נסיונות פון טעכנאלאגיע.

"עס איז קיין ספק נישט, די אומנאטורליכע ערשיינונג צו וואס מיר זענען עדות, איז א רינגעלע אין די הייליגע הבטחה פון 'כי לא תשכח מפי זרעו', דער רבש"ע האט אונז צוגעזאגט "**ואף גם זאת לא מאסתים ולא געלתים**", ער האט גערעדט אויך פון אונזער היינטיגער דור, ער האט גערעדט אויך פון אונזער דור יתום, אויך אויף אונז האט ער געזאגט '**שהעמדתי להם רבי וחכמי הדורות**'. אין יעדן דור האט ער געשטעלט די ערליכע מנהיגי ישראל וואס זאלן האלטן און דערהאלטן דאס כלל ישראל, און אפילו בדורינו האחרון בעקבתא דמשיחא האט ער אונז אנגעגרייט אן עוגן הצלה.

"עס איז א מציאות, ווי מער א חבר אין '**יסודי התורה**', '**תורתך שעשועי**', '**זכרו**', '**קנין תורה**', '**מה אהבתי**' און אזוי ווייטער, מיינט א מעמבער ווייניגער אין '**פעיסבוק**', '**אינטערנעט גרופ**', אד"ג. ווי מער מ'שפירט א זיסקייט אין אביי ורבא, שפירט מען מער א גיעול נפש אין די

אלע מבואות המטונפים. ווי מער מ'שפירט זיך זאט פון געזונטע מאכלים, שפירט מען מער א גרויל צו 'דזשאנק-פוד'.

"שטייענדיג אין די שעות נאכ'ן געהויבענעם סיום ווען אלפי אנ"ש פון קהל יטב לב ד'סאטמאר האבן מסיים געווען מס' ברכות און אנגעהויבן מס' שבת במסגרת חבורת "יסודי התורה" אין די שעות בעפאר כניסת החג הקדוש יום מתן תורתינו הבעל"ט, לאמיר זיך באציען ספעציפיש צום "אשרי עין ראתה בשמחת קהלתינו", און פרובירן עטוואס צו שילדערן דעם משמעות פון דעם מעמד הנשגב. וואס דאס איז אייגנטליך די התרגשות'דיגע געפילן אויך פון אידן וואס זענען איינגעשלאסן אין אנדערע ענליכע חבורות.

"עס לאזט זיך דען בכלל ערקלערן מיט ווערטער דער געפיל אז ערשט פארגאנגענעם ז' ניסן העעל"ט האבן צוויי טויזנט אידן מסיים געווען מס' **עירובין** אין מסגרת פון '**תורתך שעשועי**', און איצט האבן נאך דריי טויזנט אידן פון די זעלבע קהלה מסיים געווען מס' **ברכות** אין מסגרת פון '**יסודי התורה**'?! עס לאזט זיך בכלל אפשאצן דעם טיפן ערך פון אזא קהילה קדושה?!

"אה, בשעת דעם מעמד הנשגב פארגאנגענעם זונטאג זענען אלפי ישראל געשטאנען אנגעכאפט האנט ביי האנט, טאנצנדיג, זינגענדיג, צירקולירנדיג ארום די רונדיגע טישן, און פון טיפן הארץ זינגט זיך "וטהר לבנו לעבדך באמת"... איר ווייסט וואס אידן האבן דעמאלטס געטראכט, איר ווייסט וואספארא פראגע עס האט זיי געעגבערט אין די מחשבה?

"וויאזוי בין איך צוגעגאנגען ביז היינט צום יו"ט שבועות?! וואס האב איך אלע יארן ביז היינט געהאט צו פארקויפן אנקומענדיג צום יו"ט קעגן היינט ווען איך האב מס' ברכות געלערנט און גע'חזר'ט אומצאליגע מאל, עס ליגט אין די קעשענע כמונח בקופסא?!".

"א איד, א חבר אין מסגרת "**תורתך שעשועי**", וועלכער האט שבועות תשע"ג געהאלטן אינמיטן פרק כירה אין מס' שבת, האט במשך די דרייצן חדשים געענדיגט 'גאנץ' מס' שבת, 'גאנץ' מס' עירובין, זיך געלאזט פאראהערן דערויף, טייל מיט תוס', טייל די גאנצע מסכת אויף אמאל, האלט היינט ער טיף אינמיטן מס' פסחים, הארעוועט אין די סוגיא פון מי פירות און חמץ נוקשה, אין איין יאר האט ער קונה געווען ארום 250 בלאט גמרא בעיון נמרץ.

"אה, האט שבועות א טעם! אוי, זענען מיר מחותנים מיט 'מתן תורה', מ'קוקט זיך אליינס אן, און מ'פרעגט זיך "אבער וואו זענען מיר געווען ביז היינט?!"

עד כאן וואס מיר האבן געפינען פאר וויכטיג צו נעמען די הרגשים פון יענע התחלה, און דאס קאפיטל צו 11 יאר שפעטער, ווען "**תורתך**" ענדיגט ש"ס, און "**יסודי**" האלט סוף מס' קידושין, און גרייט זיך צום סיום חצי הש"ס.

## וואו בין איך א מחותן?!

מכאן ואילך חושבנא.

טויזנטער אידן זענען גרויסע מחותנים אין די טעג, און מיט התרגשות און ברען גרייטן זיי זיך צום סיום, אדער האלטן זיי שוין נאכ'ן סיום ביי זיך במסגרת בני משפחתם. אבער יעדער יחיד דארף זיך פרעגן "וואו בין איך דא א מחותן צום טיש?!".

אמת, כלל ישראל איז געווען בעפאר "תורתך שעשועי" אויך. טויזנטער אנ"ש זענען חברים אין "יסודי התורה", און רבבות אלפי ישראל בכל מקומות מושבותיהם זענען א חלק פון אנדערע הייליגע חבורות.

חוץ מזה זענען דא גדולי ישראל, יושבי אוהל, בארימטע תלמידי חכמים חסידים ואנשי מעשה, מגידי שיעור, מרביצי תורה, מלמדי תינוקות, וואס ראשם ורובם ליגט אין תורה ועבודת ה', וואס זייער סדר היום און זייער עבודת הקודש ערלויבט נישט מיטצוגיין מיט א באשטימטע מסגרת הלימוד.

אבער דאס איז זיכער בלי שום ספק, און דאס איז דער זמן פון התבוננות אין די יעצטיגע צייט, יעדער איד דארף זיכער מאכן אז ער איז מקושר מיט די תורה הקדושה, ער האט א שיעור קבוע, זיין מח איז מוקדש יעדן טאג א שטיק צייט פאר עסק התורה. דאס איז א הצלה, דאס דארפן מיר פאר אונזער מזון רוחני, מזון פאר די נשמה.

> **"עס איז א מציאות, ווי מער א חבר אין 'יסודי התורה', 'תורתך שעשועי', 'זכרו', 'קנין תורה', 'מה אהבתי' און אזוי ווייטער, מיינט א מעמבער ווייניגער אין 'פעיסבוק', 'אינטערנעט גרופ', אד"ג. ווי מער מ'שפירט א זיסקייט אין אביי ורבא, שפירט מען מער א גיעול נפש אין די אלע מבואות המטונפים. ווי מער מ'שפירט זיך זאט פון געזונטע מאכלים, שפירט מען מער א גרויל צו 'דזשאנק-פוד'.**

דער זמן פון א' שלח דארף זיין 'הדר קבלוה מאהבה', כמאז כן עתה דארף דאס שיקן א מעסעדזש פאר די כוחות הטומאה וואס טוען אלע פעולות אונז צו אונטערברעגנען מיט זייערע נסיונות און מכשולות, אז מיר זענען שטארקער, מיר געבן נישט אויף, מיר נעמען אונטער אלע פעולות צו קענען אנגיין מיט אונזער הייליגן וועג, און דער כח הקדושה פון 'תורה תבלין כנגדה' וועט אונז באגלייטן אויף ווייטער.

## מיר דארפן נאר אנהייבן

החלש יאמר גיבור אני, און מ'דארף אריינשפרינגען, אן קיין מעשיות.

מיר האבן אנגעהויבן אונזערע ווערטער מיט א רעיון פון די מנורה, וואס מיר לערנען פונעם 'שלא שינה', עס איז אבער נאך טיפער.

בהעלותך את הנרות.

די תורה הק' זאגט אן דעם ציווי השם 'בהעלותך', ווען אהרן הכהן צינדט אן די נרות המנורה, '**אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות**', און ווי רש"י זאגט '**מדליק ועולה עד שתהא השלהבת עולה מאליה**'.

ביי די מנורה איז געווען די עבודה אז דער כהן גדול זאל אנצינדן די מנורה, ער האט טאקע אנגעצינדן, ער האט אנגעכאפט דעם פלאם, ער האט דאס צוגעהאלטן ביז ווען עס איז געווען 'השלהבת עולה מאליה', איינמאל

דער פלאם אויף די מנורה הטהורה האט זיך אנגעכאפט איז דאס געווען '**עולה מאליה**'.

דאס פייערל האט זיך אנגעכאפט, דאס פייערל ברענט, און עס איז '**עולה מאליה**', עס גייט ווייטער און ווייטער פון וואס דער כהן גדול האט געטון בפועל, ער פלאמט אויף פון זיך אליין, און אזוי ברענט דאס ווייטער אויפ'ן גאנצן טאג, אפגערעדט פונעם 'נר המערבי שבה היה מדליק ובה הי' מסיים', וואס דאס איז שוין געווען אפענע מעשי נסים.

די מנורה לערנט אונז.

דער רבש"ע וויל זען פון אונז א הדלקה, ער וויל אז מיר זאלן זיך נעמען צינדן, מיר זאלן טון די עבודה פון 'בהעלותך', מיר זאלן אריינלייגן אונזערע כוחות אז עס זאל ווערן אנגעצינדן א פייערל. דאס לעכטעלע זאל אנהויבן שיינען. דאס פייערל זאל אנהויבן צו ברענען. און דאס איבריגע טוט שוין דער באשעפער.

**בסיעתא דשמיא בלייבן די טעג א' און ב' שלח - דער סיום, און די התחלת הש"ס פון "תורתך שעשועי" - איינגעקריצט מיט גאלדענע אותיות אין די היסטאריע ביכער פונעם יהדות החרדית, עס זענען טעג אין וואס מ'האט גענומען דעם כח התורה פון מגינא ומצלי, און מיט דעם צוריק געווארפן אלע נסיונות הדור, און מצליח געווען צו מעמיד זיין דורות נאמנים לה' ולתורתו ארויס פון אלע טבע'דיגע מציאות'ער.**

'**עד שתהא השלהבת עולה מאליה**', פון הימל האט מען שוין אינזינען אז דער פייער-פלאם וואס דער מענטש האט אנגעצינדן מיט זיינע קליינע שוואכע כוחות זאל אויפפלאמען, און עס זאל אנצינדן אויך אנדערע, און אויפטון א תועלת גדול, פילפאכיג מער פון וויפיל מען האט זיך פארגעשטעלט בשעת ווען מען האט עוסק געווען אין דער עבודה פון די עצם 'הדלקה'.

ווען מיר זענען מדליקין, ווען מיר זענען פארנומען מיט אונזער אחריות אריינצוגעבן א פלאם און א ברען אין די קליינע לעכטעלעך, באגרייפן מיר ניטאמאל, מיר פארשטייען נישט בכלל וואס דער צוועק פון דאס פייערל איז. אבער דאך, פון הימל וויל מען יא אז מיר זאלן זיין די מדליקים, מיר זאלן אנצינדן דעם פייער, מיר זאלן טון די התחלה.

דאס איז וואס חכמינו ז"ל זאגן אונז "פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם".

דער **ייטב לב** (ייט"פ לחנוכה אות נ"ט) האט א לענגערן שמועס וואס עס איז געווען אונטער די מלחמה פון די חשמונאים מיט די יוונים, און ער איז מסביר אז עס איז דא ווען דער רבש"ע באהאלט זיך אונטער די כוחות הרשע, ער וויל זען די כוחות פון אידישע קינדער, ער וויל זיי שטעלן אין נסיון צו זען וואס עס זענען זייערע כוחות, שטעלט ער אונטער שונאים, אויבים וואס קומען צו גיין קעגן אידישע קינדער מיט גאר שטארקע און מאכטפולע כוחות, און עס זעט אויס אז מען שטייט ח"ו ביי א גזירת כלי' ח"ו.

אבער דער אמת איז אז "**ואתה עמדת להם בעת צרתם**", דער רבש"ע שטייט אונטער די עת צרה, ער האט דאס געשיקט, ער האט דאס אונטערגעשטעלט '**למען אנסנו הילך בתורתי**', און איינמאל דער ליבער טאטע אין הימל זעט אז יא! מיינע קינדער זענען מיר געטריי, איינמאל אידישע קינדער זענען דא זיך צו שלאגן פאר מיין כבוד וועגן, איינמאל אידישע קינדער ציי גן ארויס זייער מסירות נפש, זייער גרייטקייט זיך צו שלאגן פאר כבוד שמים, דאן נעמט דער אויבערשטער אוועק דעם נסיון, און ער איז זיך מתגלה צו אידישע קינדער ברוב אהבה וחיבה, און ער העלפט זיי ארויס אין די שווערע מצבים ברוב רחמיו וחסדיו.

דער ייטב לב זאגט "**ויירא אליו ה' מתוך הסנה**", דאס התגלות אלקית איז '**מתוך הסנה**', עס שטעכט, עס שניידט, עס איז ווייטאגליך און ביטערליך, אבער '**ואתה עמדת להם**', דער רבש"ע טוט דאס, און ער קוקט אויף אונז, און ער וויל זען אונזערע כוחות און אונזער שטארקייט 'מתוך הסנה', ווי אזוי מיר זעען אויס פון אונטער די גרויסע ווייטאג.

לגבי דער מצב המלחמה אין יענע שווערע צייטן "**כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל**", לפי ראות עין האט אויסגעזען ווי דער פינסטערער גוי, דער כח הטומאה, האט זיך גענומען איבער אידישע קינדער, אבער דער אמת איז "**ואתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם**", אונטער דעם גרויסן נסיון איז געשטאנען דער געטרייער טאטע אין הימל וואס מיט זיין גרויס רחמנות האט ער געוואלט זען וואו האלט ער מיט זיין הייליגע עדה, וואו שטייט ער מיט אידישע קינדער, און וואס זענען זייערע כוחות, ווי ווייט זענען זיי גרייט צו גיין אין מלחמה פאר כבוד שמים!

אין די רגע וואס דער אויבערשטער האט געזען דעם מסירות נפש פון די חשמונאים, איז געווען '**רבת את ריבם, דנת את דינם**', און דער באשעפער האט געגעבן פאר אידישע קינדער זייער ענדגילטיגער נצחון איבער די יוונים.

אז מיר שטייען בימינו אלה, אינעם שוואונג פון אזויפיל שווערע נסיונות און מלחמות כבידות על נפשינו, על נפש הילד, על בנינו ועל דורותינו, און דא האבן מיר אזא התגלות, אזא חיזוק פון הימל, אזא אפענע התעוררות, מיר דארפן טון נאר איין זאך נעמען א בלאט גמרא און זיך אנכאפן דעריין, אחזתיו ולא ארפנו, אנהייבן מיט א שטארקייט, לערנען מיט א קביעות, און דאן וועלן מיר זען ווי 'ואתה עמדת להם', דער טאטע אין הימל ער האט אונז געשיקט אלע שוועריגקייטן, אלע נסיונות, און ער האט אונז אויך געשיקט די רפואה למכה.

בסיעתא דשמיא בלייבן די טעג א' און ב' שלח – דער סיום, און די התחלת הש"ס פון "**תורתך שעשועי**" – איינגעקריצט מיט גאלדענע אותיות אין די היסטאריע ביכער פונעם יהדות החרדית, עס זענען טעג אין וואס מ'האט גענומען דעם כח התורה פון מגינא ומצלי, און מיט דעם צוריק געווארפן אלע נסיונות הדור, און מצליח געווען צו מעמיד זיין דורות נאמנים לה' ולתורתו ארויס פון אלע טבע'דיגע מציאות'ער.

**נר המערבי... ממנו הי' מתחיל ובה היה מסיים...**